האוניברסיטה העברית בירושלים

THE HEBREW UNIVERSITY OF JERUSALEM

THE FACULTY OF HUMANITIES

הפקולטה למדעי הרוח


דעם 13טן סעפטעמבער 1987

טייערער דוד,

דאס מאל שיק איך דיר נאר א קורץ בריוול (אויף א לאנגן בויגן פאפיר). איך שיק דיר ארויס פאטאקאפיעס פון די ביבליאגראפישע קארטלעך פון די דערציילונגען וואס גייען אריין אין דיין באנד. בשעתו האסטו שוין געהאט באקומען די פאטאקאפיעס, אבער קען זיין אז אין דער צייט האב איך צוגעגעבן נייע פרטים. דאס זענען די שיריים פון מיין ארבעט אינעם שלום-עליכם פראיעקט, און וואס וועט דארטן זיין ווייטער ווייס איך נישט.

און איצט לאמיר איבערגיין צו וויכטיקערע ענינים: חווה ~~ששש~~ האלט זיך אין בעסערן, זייער פאמעלעך טאקע, אבער מע זעט פארט א ענדערונג. זי איז שוין ארויס פון שפיטאל, און איצט גייט זי אין שפיטאל אויף פיזיאטעראפיע צוויי מאל א וואך. ווייטער פירט זי שוין איר נארמאל לעבן - אין דער ארבעט און אין שטוב. פארשטייט זיך אז איך בין אפט מאל אומגעדולדיק - כ'וואלט שוין געוואלט אז עס זאל שוין זיין גוט - אבער מע דארף טאקע האבן א סך געדולד. די שפאנונג האט ביי מיר א ביסל נאכגעלאזט, און דאס איז אוודאי גוט.

דערווייל פלאניר איך צו מאכן א שטיקל שבתון דא, אנשטאט דעם שבתון וואס מיר מאכן נישט אין ניו-יארק: איך וועל דאס יארן לערנען קורסן וואס פאדערן פון מיר גאר קיין צוגרייטונג נישט, אויסער א ביסל פעדאגאגישע פלאנירונג. קען איך זיך דערווייל אפגעבן מיט לייענען די ביכער וואס כ'שעם זיך צו דערציילן אז כ'האב זיי קיין מאל נישט געלייענט. באלד וועל איך זיך אבער דארפן אנהייבן זארגן מכוח מיינע התחייבותן - בעיקר מכוח דעם סוצקעווער-באנד.

אזוי ווי איך קום נישט צו פארן, זיי אזוי גוט און שיק מיר ארויס דורך פאסט די ביכער וואס דו האסט אנגעגרייט פאר מיר. צי קענסטו מיר אויך באזארגן מיט א קאפיע פון דער "פענגווין"-אנטאלאגיע? וועגן די מאטעריאלן וואס ליגן ביי דיר האב איך דיר שוין געשריבן אז איך בעט דיך זיי צוריקצושיקן מיט די מענטשן וואס וועלן קומען אויף דער קאנפערענץ. כ'האב געהערט אז יעל פעלדמאן קומט אהער צו פארן. אפשר וואלט זי אויך גרייט געווען עפעס צו נעמען פאר מיר?

נו, איצט ביסטו שוין שולדיק א פאר בריוו. איז ווען איך וועל באקומען דיין ענטפער וועל איך שוין שרייבן לענגער. דערווייל - הארציקן גרוסן און ווונטשן פאר א גוט יאר, דיר און שיינען און אריה-לייבן.

דיין

אברהם